בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִישׁ אֱמוּנוֹת


קֶען אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיין ווייב קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?........................... א

אִיז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת אַ חָתָן צוּ וֶוערְן?........................................ ג

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וויל גֶעפֶעלְן פַאר פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים.................................. ד

אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר, זָאל אִיךְ פָארְן קֵיין אוּמַאן?.................................................. ו

דִי פַארְיָארִיגֶע קַבָּלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר?...... ז

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וויל נִישְׁט פַארְפַאסְן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?.............................. ט

אִיךְ בִּין טִיף אִין תְּהוֹם, וויאַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט?.............................. יב

אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִיזּוּק צוּ נֶעמֶען נָאר אַ אִידִישֶׁע שִׁידוּךְ?............................. יד

אַוֶועקְלֵייגְן דִי בֶּעטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים.................... א

אָנְגֵיין ווייטֶער אָן קֵיין בִּלְבּוּלִים..... א

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן; מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה פַארְ'ן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.................................ג

בִּנְיָנֵי קְהִלָּה אִין שְׁטֶעטְל.......................ד

מַאךְ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת................ד

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֵיינֶע זְכוּתִים מִיטְ'ן אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.........ה

קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל.......ה

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.........................................ו

דַן זַיין לְכַף זְכוּת דֶעם שָׁכֵן.....................ז

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ..................................ח

מִיט סַבְלָנוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.....................................ט

וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפאוֹנְ'ס מִיט אִינְטֶערְנֶעט?..............י

ווִי נֶענְטֶער מֶען וֶוערְט צוּם צַדִיק, שְׁטַארְקֶט זִיךְ מֶער דִי יֵצֶר הָרָע...............יא

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא.......יב

דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".יג

ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ.............................................יד

מַאכְן לִיכְטִיג דָאס לֶעבְּן.............. טו

דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הַאלְטְן רֵיין דִי סְקוּל.................... טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**קֶען אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיין וַוייבּ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר אִין אוּמַאן, אוּן אוֹיךְ אַלְס חָתָן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר פָּאר אִיךְ אָבֶער קַיין אוּמַאן וַוייל אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן, אָבֶער זִי ווִיל זֵייעֶר נִישְׁט אִיךְ זָאל אִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין אוֹיף יוֹם טוֹב, זִי זָאגְט אַז אַדְרַבָּה מִיר זָאלְן פָארְן אִינְאֵיינֶעם, זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט טֵיילְן פוּן מִיר. עֶס וֶועט אִיר וֵוי טוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָארְן אַלֵיין אוּן אִיר לָאזְן אַלֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז שַׁיָּיךְ אַזַא זַאךְ אַז אַ פְרוֹי זָאל וֵוילְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר טְרֶעפְן אַ דִירָה עֶרְגֶעץ וַוייט אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְּלֶעם פוּן צְנִיעוּת?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן, זָאל אִיךְ אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף יוֹם טוֹב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער עֶס וֶועט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער; זִי וֶועט דַארְפְן זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ דִי גַאנְצֶע צַייט.**

אַז דוּ וֶועסְט איר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָאס "אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; דוּ וֶועסְט אִיר מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זִי דִיר זִיכֶער לָאזְן פָּארְן מִיט אִיר גַאנְצֶע ווילְן און זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר; וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְּלָן, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט און מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפּוֹר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם", מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מֶענְטְשׁ צִי עֶר וֶועט לֶעבְּן, און ווִי אַזוֹי זַיין פַּרְנָסָה זָאל זַיין און אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז אוּנְזֶער לוֹיעֶר, עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶערְפַאר פָּארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְּקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

נָאכְאַמָאל, עֶס אִיז שַׁיָיךְ אַז זִי זָאל מִיט קוּמֶען מִיט דִיר, אָבֶער עֶס וֶועט אִיר זַיין שְׁוֶוערֶער אִין אוּמַאן וֶוען זִי וֶועט זַיין אַלֵיינְס כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע צַייט; רוֹב טָאג אִיז מֶען בַּיים דַאוֶונֶען, נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּם צִיוּן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם לוֹיפְט מֶען צוּ תַּשְׁלִיךְ, נָאכְדֶעם אִיז וַוייטֶער דַאוֶונֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳. זִי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת אַ חָתָן צוּ וֶוערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַכְצֶן יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרַ"ש צוּ זָאגְן פֶערְצִיג מָאל גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן אָן אוֹיסְלָאזְן אֵיין טָאג, אִיךְ וִויל אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ חָתָן וֶוערְן, אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): ״מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״, וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן דִי ״קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): ״וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת משֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן״, בִּיז׳ן סוֹף, (דִי קְרִיאָה פוּן חֲנוּכָּה). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִוּוּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִוּוּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳, וְכוּ׳״.**
~~~~~~~~~~~

אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַא"ש וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (צַוָּואַת מוֹהֲרַא"ש, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַא"ש; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיוּוּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וִויל גֶעפֶעלְן פַאר פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אִיךְ בַּאקוּם אַ טַעַם אִין לֶעבְּן דוּרְךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע זִיךְ אָנְצוּטוּן שֵׁיין, אוֹיף אַ וֶועג צוּ גֶעפֶעלְן פַאר פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ זִיךְ אָנְצוּטוּן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אוֹיף אַ וֶועג אָנְצוּרֵייצְן בָּחוּרִים זָאלְן קוּקְן אוֹיף אַייךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (מַעֲשִׂיּוֹת בְּסוֹף סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ טָאפּ מִיט שְׁטִיקֶער פְלֵייש אוּן בֵּיינֶער, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס?"
~~~~~~~~~~~

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז פוּן אַ פְּרוֹי וָואס פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג, זִי פְלֶעגְט אָנְרֵייצְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר, דָאס אִיז אִיר שְׁטְרָאף, אַז זִי וֶוערְט יֶעדְן טָאג אוֹיפְגֶעקָאכְט אִין בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער".

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פַאר אַ מֵיידְל זִיךְ אָנְצוּטוּן אוּן זִיךְ פִירְן נִישְׁט בִּצְנִיעוּת כְּדֵי בָּחוּרִים זָאלְן קוּקְן אוֹיף אִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס (שַׁבָּת סב:) אוֹיף יֶעדֶע נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיגֶע זַאךְ וָואס דִי שְׁטְרָאף אִיז דֶערוֹיף; אוֹיב מֶען לֵייגְט פֶּערְפְיוּם אִין גַאס פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן בָּחוּרִים וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט אַ טְרִיקֶענֶע הוֹיט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ; אוֹיף זִיךְ שְׁמִירְן דִי אוֹיגְן אוּן אוֹיב מֶען ווִינְקְט זִיךְ מִיט דִי אוֹיגְן וְכוּ׳ אוֹיף דֶעם וֶוערְט מֶען קְרֶעצִיג (פִּימְפֶּעלְס), אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען צִיעֶנְדִיג אוּן שְׁרֵייעֶדִיג בַּאקוּמְט מֶען שְׁפַּאלְטֶענֶעס אוֹיפְ׳ן קֶערְפֶּער.

בְּעֶטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם נִסָּיוֹן, אִיר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן אוּן אוֹיפְפִירְן הֵיילִיג אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דוּרְךְ אַייךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רֶבִּי יוֹחָנָן דֶערְצֵיילְט (סוֹטָה כב.) אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֵיידְל; עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי אַ מֵיידְל בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ׳בָּרָאתָ גַּן עֵדֶן בָּרָאתָ גֵּיהִנֹּם׳", הָאסְט בַּאשַׁאפְן דֶעם גַן עֵדֶן אוּן דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דֶעם גֵיהִנוֹם, "בָּרָאתָ צַדִּיקִים וּבָרָאתָ רְשָׁעִים", הָאסְט בַּאשַׁאפְן צַדִיקִים אוּן הָאסְט בַּאשַׁאפְן רְשָׁעִים, "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁלֹּא יִכָּשְׁלוּ בִי בְּנֵי אָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן צוּלִיבּ מִיר; רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן אִיר יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט נָאר זִי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז זִי זָאל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, נָאר זִי הָאט אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת דוּרְךְ אִיר.

אַז אִיר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר וֶועט אוֹיפְהֶערְן נָאכְלוֹיפְן בָּחוּרִים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר, זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

מַיין יֵצֶר הָרַע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וְויפִיל מָאל אִיךְ זָאג צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואויל, פַאל אִיךְ וַוייטֶער צוּרִיק אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר הָאב אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין.

יֶעצְט וֶוען מְ'דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אוֹיךְ דָארְט וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרַע, אוּן אִיךְ וֶועל נָאר זוּכְן וואו צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן. אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל פָארְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן צוּרִיק קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, ווייס אִיךְ נִישְׁט צִי דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן, ווייל דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

ווִיל אִיךְ וִויסְן צִי אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין פְּרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו)**: "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן". רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל**

תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת - שָׂרָה אִמֵּנוּ, רָחֵל אִמֵּנוּ אוּן חַנָּה נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ צַייט פַּאר אוּנְז אַלֶע אוֹיס צוּ פּוֹעֵל'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן צוּ שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א א, יב): "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'", חַנָּה הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר קִינְדֶער בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכ'ן דַאוְונֶען אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹסֵף הַצַּדִּיק אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; אִיז דָאס אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִפּוֹת וָואס וַוארְפְן אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וְוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין תְּפִיסָה.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַּאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; דֶערְפַאר קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וְוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

קוּם קַיין אוּמַאן, דָארְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועסְטוּ פּוֹעֵל'ן דַיין שִׁידוּךְ; דָארְט בַּיים צִיוּן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### דִי פַארְיָארִיגֶע קַבָּלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פַארְיָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואויל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוְונֶען אוּן לֵייגְן
~~~~~~~~~~~

תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע גֶעמֵיינְט מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן מַיין צוּזָאג.

דָאס יָאר וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, ווייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט עֶס סַיי וִוי נִישְׁט אַיין, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וויל אִיךְ אָבֶּער יָא אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס טוּט מֶען דָא?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן חִזּוּק, ווייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ וֶוער שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְפַאלְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ'.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר; טְרַאכְט אַרֵיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר גֵייט אִין גַאס אוּן פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעפַאלְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין גַאס אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", נָאר וִויפִיל מָאל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר פַאלְן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי הֶענְט אָדֶער פִּיס וֶועט מֶען אִים נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אִים לֵייגְן אַ גִיפְּס וְכוּ'; הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: "אִיךְ בְּלַייבּ מִיטְ'ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֵּיין, אִיךְ גֵיי דָאס נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעפַאלְן"? קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הֶערְן אַזַאנְס פוּן אֵיינֶעם; דֶעמָאלְט פַארְוָואס בְּרוּחָנִיּוּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט"? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי (מִיכָה ז, ח)", אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט פַארְיָאר אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן, אִיךְ הָאבּ פַארְיָאר צוּגֶעזָאגְט אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אִיךְ גֵיי זַיין גוּט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרער לִיבֶּער חַבֵר: טוּ תְּשׁוּבָה פוּנְדַאסְנַיי; זָאג נָאכְאַמָאל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ יֶעדֶעס מָאל פוּנְדַאסְנַיי תְּשׁוּבָה טוּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק; **וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?** רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי מְיוּאָשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים"; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער טוּעֶן מִיט'ן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה. גְמָרָא אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, דִי פִיר מַלְאָכִים וֶועלְכֶע הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן פוּן צוּרִיק פַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְפַאסְן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער חֲסִידִישֶׁער בָּחוּר אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיר שׁוֹין זֶען אַ חָתָן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גְרֵייט דֶערְפַאר. אִיךְ מֵיין אַז דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן אִיז אַ מַתָּנָה פוּן
~~~~~~~~~~~

בַּאשֶׁעפֶער צוּ קֶענֶען שְׁטֵייגְן אוּן הַנָאָה הָאבְּן, דָאס חֲתוּנָה הָאבְּן בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ אַסַאךְ נַייעֶ הִתְחַיְּבוּת'עֶר, אוּן ס'אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צוּ שְׁטֵייגְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ ווִיל נָאךְ הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן.

אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קְלָאר מַאכְן וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אַז אַ בָּחוּר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן ווִי פְּרִיעֶר. וֶוען אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "קוּם צוּרִיק מִיט אַ טַלִּית"; אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידוּשִׁין כט:) ווִי רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן פוּן רַב חִסְדָּא: "אִיךְ ווִיל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן". "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא?" פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית, הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט", "אַהֲדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חֲזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה.**

**יֶעצְט אִיז דִיר גוּט? יֶעצְט קֶען מֶען שְׁטֵייגְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז פַארְקֶערְט, זֵיי זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", ווִילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פָּרָשָׁה יז, סִימָן ב): "כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.**

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת אוּן נֶעם אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינִיקֶל רֶבִּי מִיכְל'עֶ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר גֶענוּמֶען בִּתְמִימוּת. דֶער רֶבִּי מִיכְל'עֶ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר חֲכָמִים וִוי דִיר: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער", וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גוּט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ב, יח): 'לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ"; דָאס וַוייסְטוּ אַז פַארְקֶערְט פוּן גוּט אִיז 'רַע' - שְׁלֶעכְט, וָואס דָאס קוּמְט רַחְמָנָא לִצְלָן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'".

זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶער חָכָם אוּן הַאלְט זִיךְ נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דִי תּוֹרָה; זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שׁוּם שִׁידוּךְ אוּן זָאלְסְט וִוי שְׁנֶעלֶער חַתוּנָה הָאבְּן, ווייל עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן אַ וַוייבּ, ווייל מֶען קֶען אַרָאפּ פַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי - הוּא פָּגוּם בִּבְרִית"; פַארְקֶערְט וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען קֶען הַנָאָה הָאבְּן וִוי לַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חַתוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת, דֶער גָלוּת וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ טְרַאכְטְן וִוי דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אִין אוּנְז זֵייעֶרֶע דֵיעוֹת אַז מֶען זָאל חַתוּנָה הָאבְּן וִוי שְׁפֶּעטֶער אוּן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין קִינְדֶער, נָאר מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט - חַתוּנָה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## אִיךְ בִּין טִיף אִין תְּהוֹם, וְויאַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין אַ כּוֹלֵל יוּנְגֶערְמַאן, אִיךְ הֵייס אַ חָשׁוּב'עֶר יוּנְגֶערְמַאן, אָבֶּער לֵיידֶער פְּלָאג אִיךְ זִיךְ אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן, אִיךְ בִּין טִיף אִין דֶער עֶרְד אִין תְּהוֹם, אִיךְ בַּאזוּךְ כְּסֵדֶר וֶועבְּסֵייטְס, אוּן אִיךְ זֶע מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן?

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן יֶעדֶעס וָוארְט שָׁאקְלְט מִיר אוֹיף דִי נְשָׁמָה, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין בְּלָאטֶע? דֶער תְּהוֹם אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג פַאר מִיר!

אוֹיךְ וְוִיל אִיךְ וְוִיסְן אוֹיב דִי פְּרָאגְרַאמֶען וָואס אִיז דָא צוּ גֵיין פַאר אַדִיקְשֶׁענְס, קֶענֶען מִיר אֶפְשָׁר הֶעלְפְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט אִין לֶעבְּן קוּמְט צוּלִיבּ פְּגַם הַבְּרִית; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְּלָן אוּן עֶר פַאלְט נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר דוּרְכְדֶעם קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס פַּיינִיגְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל-יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בּוֹרֵא קְלִפּוֹת, הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי-אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִפּוֹת, אוּן דִי קְלִפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים אוּן טוּעֶן אִים אָפּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער - דִי כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט אַלֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב): "עַיִן רוֹאָה וְלֵב חוֹמֵד" - אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן דֶעמָאלְט גְלִיסְט דִי הָאָרֶץ וְכוּ', בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְּלָן; אַזוֹי אוֹיךְ פַארְלִירְט מֶען דִי וַוייבּ, וַוייל מֶען גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען מֵיינְט אַז אַ צְוֶוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן; פוּן אַזוֹיפִיל קוּקְן נִישְׁט

גוּטֶע זַאכְן וֶוערְט מֶען אַזוֹי פַארְשְׁוַוארְצְט בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעפִיל אִין שְׁטוּב צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דָאס אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן.

שֵׁנִית, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ טוּסְט, דֶערְצֵייל אִים וִוי דוּ בְּלָאפְּסְט, דוּ הָאסְט אַ פָּנִים וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד וֶוען בְּאֱמֶת בִּיסְטוּ אִין תְּהוֹם, שְׁרֵיי צוּ אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ לִיג אִין אַ גֶעמֵיינֶע בְּלָאטֶע, אִיךְ קוּק עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ קוּק ... מָאוּוִיס אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן אוּן אִיךְ קוּק אוֹיף שְׁמוּץ, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי מִיר דִי קְלָלָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פַאר נִאוּף, אִיךְ קוּק אוּן קוּק אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אִין אִים אַרַיין אַ רוּחַ שְׁטוּת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט רוּחַ שְׁטוּת? אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר מַיינֶע בְּלָאטֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, ווייל מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין אַ חָשׁוּב'עֶר אִינְגֶערְמַאן, מֶען הַאלְט מִיר אַלְץ אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּב'עֶ כְּלַל אִינְגֶעלַייט, אָבֶּער דוּ טַאטֶע ווֵייסְט דָאךְ יָא דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין אוּן וָואס אִיךְ טוּ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָנָּא הַשֵּׁם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ; אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַאר אַלֶע מָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא ה' הַצְלִיחָה נָא".

אַז דוּ וֶועסְט טוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, דוּ וֶועסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קֶענְסְט קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן דוּ וֶועסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי תְּפִילָה, וֶועסְטוּ זֶען וִוי צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין בְּלָאטֶע, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~
~~~~~~

## אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִיזוּק צוּ נֶעמֶען נָאר אַ אִידִישֶׁע שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה אִין וַוייטֶע לֶענְדֶער, אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קֵיין אִידְן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע קֶשֶׁר וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אִידִישְׁקֵייט אִיז נָאר וָואס אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, אוּן אַסַאךְ מָאל גְלוּסְט מִיר פָּשׁוּט אַוֶועקְצוּוַואַרְפְן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דָא מִיט אַ גוֹי'טֶע רַחְמָנָא לִצְלָן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן חִיזוּק זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר בַּאשַׁאפְן מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט אִים בְּרֵייט זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר דַף סז.): אַז ׳מַחְשָׁבָה׳ אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן ׳בְּשִׂמְחָה׳; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען קָאנְטְרָאלִירְן דֶעם מֹחַ צוּ ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה קֶעגְן פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): ״אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם״, אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: ׳יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ׳ - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קסט).

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דִי מַחְשָׁבוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן י): ״מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן״, פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ווַייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? ״אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ

כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצֻמְצָם, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב און לֶעבְּן אַ אִידִישֶׁער לֶעבְּן. קְלַאפּ דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹיָה וָואס דוּרְכְדֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא הַארְבֶּע עֲבֵירָה וִוי חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹיָה רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואס מִיט דֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פב.): "הַבָּא עַל הַגּוֹיָה חַיָּב עָלֶיהָ מִשּׁוּם נִדָּה שִׁפְחָה גּוֹיָה זוֹנָה, וּכְאִלּוּ הִתְחַתֵּן עִם עֲבוֹדָה זָרָה, וְכוּ'", וֶוער עֶס הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ גוֹיָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיינְס און עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף נָאךְ אַסַאךְ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל (סוֹטָה ג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר קְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב", מֶען בְּלַייבְּט צוּגֶעקְלֶעבְּט מִיט אִיר אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~
~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַוֶועקְלֵייגְן דִי בֶּעטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ, אַזוֹיפִיל וָואכְן אוּן אַזוֹיפִיל צַייט, אוּן בְּעִיקָר פַארְ'ן אַוֶועק גֶעבְּן עֶנְקֶער "רֹאשׁ הַשָּׁנָה" - אַלֶעס נָאר פַאר אַ צְוֵויטְן; אַז אַלֶע תַּלְמִידִים וַחֲבֵרִים זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אַיינְגֶענֶעמֶענֶעם יוֹם טוֹב, וּבִזְכוּת דֶעם וֶועט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט מִיר יֶעצְט אוֹיס וֶועל אִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי צְוֵויי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאקְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״א. דֶערִיבֶּער, קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְט אִיר אַוֶועקְלֵייגְן דִי בֶּעטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים מִיט זַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן נָאכְדֶעם - אוֹיבּ עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער בֶּעטְן - קֶענְט אִיר פַארְדִינְגֶען פַאר אַנְדֶערֶע.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~~

**אָנְגֵיין וַוייטֶער אָן קַיין בִּלְבּוּלִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר גֵיי וַוייטֶער אוֹיף דַיין וֶועג, וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.
~~~~~~~~~~~~

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּ אִים דַיין גַאנְצֶע הַארְץ וֶועט דִיר דָאס לֶעבְּן זַיין זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען דִי טֶעג מִיט דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל - סֵיי אִין שְׁטָאט אוּן סֵיי אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת אַן אַנְדֶערֶע מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן; מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה פַארְ'ן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ סַבְלָנוּת אוּן וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט דַיין וֶועג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַמָאל בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל, "שֶׁאוֹמֵר: 'אֲנָא אֶמְלֹךְ', בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט: 'אִיךְ וִויל', מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר דֶעם כְּלַל: 'וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט.

אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד אוּן זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת פֵיגָא הָאט גֶעקֶעמְט זַיין הָאר, וָואס הָאט
~~~~~~~~~~

אִים וַויי גֶעטוּן, הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶס טוּט אִים וֵויי, "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען לַיידְן" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט.

גֶעבּ אַ קוּק טַייעֶרֶער ..., מִיר פָארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן; פוּן הַיינְט צְווֵיי וָואכְן פָארְן מִיר אִם יִרְצֶה ה׳ צוּם רֶבִּי׳ן. דָארְט וֶועלְן מִיר אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר, אִיז אֶפְשָׁר שׁוֹין צַייט אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ רֵיינֶע לֶעבְּן? אֶפְשָׁר יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן צִי עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה - אָפְּן צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת. אַז מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן דַארְפְן מִיר דָאךְ פָארְן מִיט אַ רֵיינְקֵייט, מִיר גֵייעֶן דָאךְ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַ תִּיקּוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן, אִיז וִוי קֶענֶען מִיר שְׁטֵיין בַּיים צִיּוּן אוּן בֶּעטְן: "רֶבִּי זַיי מִיר מְתַקֵּן מַיינֶע חֲטָאִים", וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַאלְטְן מִיר אִין טַאשׁ אַ כְּלִי וָואס מֶען קֶען דֶערוֹיף זֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ?! וִוי אַזוֹי הֶערְט זִיךְ דָאס וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ׳, ק"ה, קל"ז, ק"נ) מִיטְ׳ן תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, וֵויינֶען אוֹיף אַ תִּיקּוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוען אִין טַאשׁ הָאבְּן מִיר אַ וֶועג וַוייטֶער צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט אָן אַ טוֹיטֶע שֶׁרֶץ הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל׳ט זִיךְ וֶוערְט עֶר רֵיין, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט אָן דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ בְּשַׁעַת עֶר טוֹבֵל׳ט זִיךְ וֶוערְט עֶר נִישְׁט רֵיין.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער..., אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

..., אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## בִּנְיָנֵי קְהִלָּה אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַלֶע חָשׁוּב'עֶ אֵיינְוואוֹינֶער פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

אַזוֹי ווִי מִיר דַארְפְן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל פַּאר דִי קְהִילָה, בֶּעט אִיךְ אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן בַּאצָאלְן פַאר דִי מוֹסָד דֶער סְכוּם וָואס דִי הַנְהָלָה אִיז מְחַיֵּיב אַלֶע פְּרִישֶׁע אֵיינְוואוֹינֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע קְהִילָה מִיט מוֹסְדוֹת פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת. מִיר זָאלְן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר'ן רֶבִּי'ן אוּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

## מַאךְ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת. דַיינֶע קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר; שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס קִינְדֶער זֶענֶען מְקַבֵּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

גְרֵייט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי זְמִירוֹת. חוּץ דִי זְמִירוֹת וָואס מִיר זִינְגֶען זָאלְסְטוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי אִידִישְׁ'עֶ לִידֶער, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיב אִידִישׁ'עֶ נִיגוּנִים, בִּפְרַט נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן תְּשׁוּבָה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת פוּן זֵיי.

קוּם שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל צוּם שִׁיעוּר פַאר'ן דַאוֶּוענֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

אַ גוּט שַׁבָּת פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיינֶע זְכוּתִים מִיטְ'ן אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט; אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיינֶע זְכוּתִים מִיטְ'ן אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בִּזְכוּת דִי מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט.

אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז מִיטְ'ן פוּלְסְטְן הַסְכָּמָה פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', וַוייל חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ. בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, וּבְעִקָּר שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת: "אַה מְחַיֶ' שַׁבָּת, אַה מְחַיֶ' שַׁבָּת, אַה מְחַיֶ' אִיךְ הִיט שַׁבָּת!" - מִיטְ'ן נִיגוּן.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן פוּן שׁוּל אַהֵיים - זָאלְסְטוּ אַרַיין לֵייגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה, תְּפִילָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ הָאבְּן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דֶעם מוֹסָד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

**קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל. פָארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ אוֹיף שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דוּ קוּמְסְט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אָנֶעם שְׁטְרַיימְל, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט שְׁוֶוער אַז דוּ זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל - בַּיי אַלֶע תְּפִילּוֹת - מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וָואס כַאפְּן אוֹיף דִירֶעקְט אוּן אוּמְדִירֶעקְט יֶעדֶע רִיר פוּן עֶלְטֶערְן, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל.
~~~~~~~~~~

און אַזוֹי מִיט יֶעדֶע פְּרַט וְוי דוּ פִירְסְט זִיךְ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אַ דַרְגָה פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת בִּיז אַהֶער; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט דֶעם שְׁטֶעטְל אוֹיף אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דָאס חֲסִידִי'שְׁקֵייט, נָאר אוֹיף צוּ וֶוערְן מֶער חֲסִידִי'שׁ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין שְׁטֶעטְל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו און בִּילְדֶער.

דוּ הָאסְט מִיר אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי בִּילְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל, מִקְוֶה און שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי צוּ זֶען וְוי דִי אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, און זֶען וְוי מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וְכוּ', וְכוּ'.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "לְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵיק", פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ אִיד אִיז נִישְׁט קַיין קְלֵיינִיקַייט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין שִׂמְחָה אִין אִידִישֶׁע אִיז מֶען אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב בְּרוֹקָא (תַּעֲנִית כב.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אַמָאל בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי בְּרוֹקָא אוֹיפְן גַאס און עֶר הָאט אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען זֵיי זֶעעֶן וְוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין יְשִׁיבָה אִיז אַלֶעס אִין אָרְדֶענוּנְג, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע זְמַן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם צְוֶועלֶעפְטְן יָאר, עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס ווִילְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד און זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.
~~~~~~~~~~

פוּן דַיין חַבֵר וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דָן זַיין לְכַף זְכוּת דֶעם שָׁכֵן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶערוּפְן וְכוּ', זִי הָאט גֶעוַויינְט אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, אַז זִי וֶועט קוּקְן מִיט "רַחְמָנוּת אוֹיגְן" אוֹיף זֵיי וֶועט אִיר דָאס נִישְׁט בַּאדֶערְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יח) אַז וֶוען מֶען אִיז מְהַפֵּךְ כַּעַס צוּ רַחְמָנוּת אִיז מֶען זוֹכֶה אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר דֶעם אַסַאךְ גוּטְס; זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט זַיין בְּכַעַס אוֹיף אַייעֶר שָׁכֵן, זִי זָאל זֵיי דָן זַיין לְכַף זְכוּת, קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן דַיין וַוייבּ אוּן אִיר מְחַזֵק זַיין; פַּארְגֶעס נִישְׁט דִי נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט וַוייטֶער, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ "הֵיימְלָאזֶער בָּחוּר", "אָפְּגֶעשְׁלִיסְן" אוּן "אָפְּגֶערִיסְן", הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה כֵּן יִרְבּוּ.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; זִינְג זְמִירוֹת, דֶערְצֵייל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער שַׁבָּת. שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין בְּשִׂמְחָה - נָאר טַאנְצְן, נָאר שְׁפְּרִינְגֶען.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ דַיין בְּרִיווּ.

הַיינְט הָאט מִיר ... נֵרוֹ יָאִיר גֶעשִׁיקְט אַ בִּילְד פוּן דַיין שִׁיעוּר, וְוי דוּ לֶערְנְסְט פָּאר דֶעם דַף גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען וְוי דוּ לֶערְנְסְט פָאר פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ מִנְיָן שַׁחֲרִית; אַוַודַאי זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ מִנְיָן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶונְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, וַוייל ווּאוּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת - אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועט זַיין שְׁוֶוער מִיט מִנְיָן, אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ כְּדַאי וְכוּ' אַבִּי עֶס זָאל וֶוערְן אַ מִנְיָן קָבוּעַ. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ, מִכְתָּב ו) ווּאוּ מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְוי עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'ן שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ דַאוֶוענֶען בִּיְחִידוּת, הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִנְיָן קָבוּעַ.

מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: "עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁנַת תש"ט, אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים אִין מֵאָה שְׁעָרִים גֶעגְנְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִנְיָן דָארְטְן, נָאר שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְיָן מְצוּמְצָם. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ דִירָה אִין אַ גֶעגְנְט וָואס הָאט גֶעהֵייסְן לִיפְתָּא, דָאס אִיז בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּ יְרוּשָׁלַיִם. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים צוּזַאמֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס אַ וֶועג וָואס הָאט גֶענוּמֶען פוּן זַיין הוֹיז אִין לִיפְתָּא בִּיז מֵאָה שְׁעָרִים אַ שָׁעָה צַייט, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט עַקְשָׁנוּת. ווִינְטֶער אִין דִי קֶעלְט אוּן אִין דִי פְרֶעסְט, אִין דִי רֶעגְנְס, זוּמֶער אִין דִי הִיצְן, גָארְנִישְׁט הָאט אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶערוּט בִּיז עֶר הָאט פַארְגְרֶעסֶערְט דֶעם מִנְיָן שַׁבָּת. וֶוער סְ'אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל קוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר בֵּית הַמִּדְרָשׁ, "וָואס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר

חֲסִידִים ? !" - אִיז גֶעוֶוען זַיין טַעֲנָה. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז עֶר הָאט פַארְגְרֶעסֶערְט דֶעם מִנְיָן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַ מִנְיָן אִינְדֶערְוָואכְן, וָואס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין צוּפִיס פַארְטָאגְס, וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אוֹטוֹבָּאס. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט בִּיז ס'אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְיָן אַ יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ ס'אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען בִּיְחִידוּת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען נָאר אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל. (אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס אִיז מִיט מִנְיָן ?" הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם עִנְיָן מַאכְן אַ מִנְיָן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אִינְדֶערְוָואכְן אוֹיךְ, קְדוּשָּׁה אוּן בָּרְכוּ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען הֶערְן אִין אַן אַנְדֶערְן שׁוּל, אָבֶער גֶעדַאוֶוענְט הָאבּ אִיךְ בִּיְחִידוּת יֶעדְן טָאג אִין דֶעם שְׁטִיבְּל, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מִנְיָן צוּפְרִי אוּן אוֹיפְדֶערְנַאכְט, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב")."

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים, דִיר מַדְרִיךְ זַיין וְוִי אַזוֹי מֶען אִיז מַצְלִיחַ צוּ מַאכְן אַ מִנְיָן קָבוּעַ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיט סַבְלָנוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר שְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט עֶנְק, עֶר הִיט עֶנְק אוּן בֶּענְטְשְׁט עֶנְק.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר ; אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט בַּאצְוואוּנְגֶען וְכוּ', מִיט סַבְלָנוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶר מֶעג רֶעדְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט חוּצְפָּה ; אוֹיף חוּצְפָּה דַארְף מֶען בַּאשְׁטְרָאפְן. אַ קִינְד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אָדֶער שְׁטוֹיסְן וְכוּ' עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ עֶר
~~~~~~~~~~~

שְׁלָאגְט אָדֶער שְׁטוּיסְט זָאלְט אִיר אִים מְחַנֵךְ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף לֶערְנֶען קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין.

מָרַת ... תִּחְיֶ', וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס לִיגְט אֵייךְ אוֹיפְ'ן הַארְץ, וּבְעִקָּר פַאר אַייֶערֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. וֶוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

נָאכַאמָאל, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ אוּן עֶר הִיט אַייךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס מִיט אִינְטֶערְנֶעט?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע: "וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס וָואס זֶענֶען אָפְן צוּ אִינְטֶערְנֶעט ה' יְרַחֵם"? עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן בְּאוֹפָן כְּלָלִי. וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס נָאךְ אַוֶועק נֶעמֶען אָבֶּער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער הֶעלְפְט נִישְׁט דָאס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען, וַוייל דֶעמָאלְט קוֹיפְן זֵיי נָאךְ אֵיינְס אוּן עֶס מַאכְט נָאר זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען עֶלְטֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען מוּסָר'ט זֵיי; מֶען מֶעג זֵיי זָאגְן מוּסָר אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָר'ט דִי אִידְן נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיטְ'ן חֵטְא הָעֵגֶל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין לו:) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ"; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי
~~~~~~~~~~~

זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז נָאר אֵיינֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָר'ט דִי אִידְן - נָאר דֶער מֶעג זָאגְן מוּסָר.

אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט צוּ רֶעדְן וְכוּ', יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט אִיז כְּדַאי נָאכְאַמָאל צוּ גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן בֶּעטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

זִיצְן קֶען מֶען קוֹיפְן בַּיי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**וִוי נֶענְטֶער מֶען וֶוערְט צוּם צַדִּיק, שְׁטַארְקְט זִיךְ מֶער דִי יֵצֶר הָרָע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וֵויי גֶעשְׁרֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ תֵּירוּץ אוֹיף דַיין בְּרִיוו; נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): "לִפְעָמִים בָּא לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר, וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֲבְדָא בַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לִבּוֹ לִתְשׁוּבָה, בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, וִוי נֶענְטֶער עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אַלְץ מֶער וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן דִי חֵשֶׁק, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יִבָּהֲלוּךְ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה, כִּי דַע, שֶׁזֶּה נִמְשָׁךְ מֵחֲמַת כִּי בַּתְּחִלָּה כְּשֶׁבָּא לוֹ הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁהִתְעוֹרֵר בְּתוֹכוֹ אֲזַי עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו בְּאוֹתוֹ שָׁעָה הֵמִית יִצְרוֹ, וְנִתְבַּטֵּל יִצְרוֹ הָרָע שֶׁהָיָה לוֹ, כִּי הֵמִיתוֹ בְּזֶה הַהִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְהָעֲבְדָא שֶׁל אוֹתוֹ הַשָּׁעָה. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ מִתְגַּבֵּר עָלָיו יֵצֶר הָרָע אַחֵר, וְיֵשׁ לוֹ עַתָּה יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל מִמַּה שֶּׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. עַל כֵּן אִם אֵינוֹ מִתְחַזֵּק נֶגְדּוֹ אֲזַי מִתְגַּבֵּר עָלָיו זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ,
~~~~~~~~~~~

וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִלָּה. כִּי צָרִיךְ הִתְגַּבְּרוּת חָדָשׁ בְּיוֹתֵר נֶגֶד זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הֶחָדָשׁ שֶׁבָּא לוֹ כַּנַ"ל", עֶס זָאל דִיר נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער דֶעם עֶרְשַׁיינוּנְג, דָאס קוּמְט וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִיק אַלְץ מֶער צַדִיק וֶוערְט עֶר אוּן דֶערְפַאר בַּאקוּמְט עֶר אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶערֶע יֵצֶר הָרָע, מִמֵּילָא דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן.

אֵיידֶער דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דָאס אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען; אִיךְ גֶעדֶענְק דַיין פֵייעֶר, דַיין חַיוּת ווִי דוּ פְלֶעגְסְט זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן הַיינְט זֶע אִיךְ דִיר אַזוֹי פַארְלָאשְׁן. אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְהֵייבְּן דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל, אִין לִיבֶּערְטִי; זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט חֲבֵרִים וָואס בְּרֶענֶען נָאךְ, וָואס הָאבְּן לֶעבְּן אִין זִיךְ, וֶועט עֶס דִיר צוּרִיק אָנְצִינְדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~

## דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס שְׁרֵייעֶן אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן - נָאר פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן. גֶעדֶענְק, "לַאכְן - לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם סוֹף"; אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" - עֶר וֶועט לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג, אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד דִי שְׁפֶּעטְן פוּן
~~~~~~~~~~

זִיךְ אַלֵיינְס, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ – חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג – בִּיסְטוּ נָאר קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ – לְבַדְּךָ תִשָּׂא", פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען נִישְׁט לַאכְן, פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן, ווַייל דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט אוּן זַיינֶע ווֶערְטֶער בְּלַייבְּן אָבֶּער דִי ווָאס לַאכְן – פוּן זֵיי בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז עֶס אִיז יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דְרוּק דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי מְחַזֵק זַיין זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶענוּמֶען דִי ווֶערְטֶער ווָאס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ ווָאס דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר פַארְשְׁטֵייט, אָבֶּער אַלֶעס ווָאס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוּו אִיז פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ; עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ ווַייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, ווַייטֶער אָנְגְרֵייטְן אוּן מַגִיהַ זַיין דִי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דָאס דְרוּקְן אוּן נָאכְאַמָאל דְרוּקְן. וואוֹיל אִיז פַאר אַלֶע ווָאס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים ווָאס אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה ווָאס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר ווֶער עֶס וֶועט דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל, אַז מֶען וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... תְּחִיֶ', טִיטְשֶׁער בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען וואוּיל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. אַ טִיטְשֶׁער דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זֶענֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלֶעכְט, "קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער", אוּן מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין.

וֶוען אַ טִיטְשֶׁער הָאט לִיבּ דִי תַּלְמִידוֹת, זִי קוּקְט אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּט אוֹיג, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְן דָאס דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי פָּאלְגְן צוּבִּיסְלֶעךְ מֶער אוּן מֶער. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען דִי טִיטְשֶׁער קוּקְט אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, זִי טְרַאכְט אוֹיף גֶעוִויסֶע קִינְדֶער: 'זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע מֵיידְלֶעךְ', קֶען אַזַא טִיטְשֶׁער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ לֶערֶערִין דַארְף וִויסְן: 'אִיךְ מוּז לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד', דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן אִינְמִיטְן שִׁיעוּר, וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן; דוּ זָאלְסְט אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר אוּן זָאגְן קְלָאר: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן קְלַאס", אוּן אוֹיבּ עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ עֶס נָאכְאַמָאל זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן (אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען טוּן מֶער פוּן זָאגְן, מֶען דַארְף קַנְסְ'עֶנֶען, לְמָשָׁל אַוֶועק נֶעמֶען אַ טִיקֶעט, אַ סְטַאר אָדֶער פּוֹינְטְס וְכַדוֹמֶה).

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס מַאכְן אַוֶועק וֶוען מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי מִיט אַ קְלֵיינִיקַייט וְכוּ'; דַארְפְסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם, דָאס אִיז אַ נָארְמַאלֶע עֶרְשַׁיינוּנְג בַּיי קִינְדֶער. סַיי אִין שְׁטוּבּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן צוּ אַ בַּאלוֹינוּנְג וְכוּ', אִיז אֵייבִּיג דָא אַ קִינְד וָואס מַאכְט עֶס אַוֶועק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין קְלַאס אִיז אַלְץ דָא קִינְדֶער וָואס מַאכְן אַוֶועק וְכוּ'; דֶעמָאלְט דַארְף דִי טִיטְשֶׁער אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה אוֹיף אַ וֶועג וָואס אַלֶע וֶועלְן דָאס נֶעמֶען, דֶעמָאלְט אִיז אַ גוּטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר דִי קִינְדֶער אַז וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אַ מַתָּנָה, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקַייט זָאל מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶערוֹיף אוּן זַיין פָּארְזִיכְטִיג נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן, אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן.

מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן רוּפְן דִי טִיטְשֶׁער מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם טִיטְשֶׁער וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר'טֶע; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן: "דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט", נָאר

זֵיי דַארְפְן זָאגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "דִי טִיטְשֶׁער הָאט גֶעזָאגְט". דִי טִיטְשֶׁער דַארְף זֵיי דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְל וָואס נֶעמְט דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל וְכוּ'; זָאלְסְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען בְּרַבִּים, לָאז דָאס אִיבֶּער פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר, אַז דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ נִישְׁט דַיין פְּלַאץ דָארְט דַארְפְסְטוּ נִישְׁט גֵיין.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ זָאגְסְט וַוייטֶער תְּהִלִּים; דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן דוּ הַאלְסְט שׁוֹין בַּיי דִי פִיר אוּן זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

רֶעד צוּ דִי מְנַהֶלֶת פוּן דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'ע סְקוּל אוּן נֶעם פוּן אִיר חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה; זִי וֵוייסְט גוּט וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער עַל פִּי דֶרֶךְ רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### מַאכְן לִיכְטִיג דָאס לֶעבְּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד; אֵיינֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן טְרָאץ אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָתוֹ אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין פְּרָאבְּלֶעם וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג אִין לֶעבְּן. מוֹהֲרַאנַ"ת בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַרָאפּ אִין דִי בְּרִיוְון דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן
~~~~~~~~~~~

פוּן טוּנְקֶל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מְנָכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְּנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקֶלְקַייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה אַ גַאנְץ יָאר. דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וַוייזְן מִיר חוֹדֶשׁ'לִיךְ דַיין נְדָבָה פַאר דִי רֶענְט. אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הַאלְטְן רֵיין דִי סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּב'עֶ תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, שֶׁתִּחְיוּ.**

מִיר הָאבְּן שׁוֹין דִי יְשִׁיבָה אִיבֶּער צֶען יָאר אוּן דִי תַּלְמִידִים דִי בָּחוּרִים הַאלְטְן רֵיין דִי יְשִׁיבָה; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוֹיִם וָואס רֵיינִיגְן דֶעם בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, נָאר יֶעדֶע נַאכְט נָאךְ יְשִׁיבָה זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס מַאכְן זִיכֶער אַז דֶער בִּנְיָן אִיז צִיכְטִיג רֵיין, דִי בָּחוּרִים מַאכְן רֵיין סֵיי דִי יְשִׁיבָה אוּן סֵיי דֶער חֶדֶר.

עֶס פְּלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר אַז בָּחוּרִים פְּלֶעגְן גֵיין אִין סְקוּל נָאכְדֶעם וֶוען אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֶענֶען אַהֵיים אוּן פְּלֶעגְן רֵיין מַאכְן דִי סְקוּל, אָבֶּער פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וִוילְן מִיר מַאכְן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הַאלְטְן רֵיין דִי סְקוּל, עֶס זָאל זַיין אַ סֵדֶר צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידוֹת וֶועלְכֶע וֶועלְן זֶען אַז דִי סְקוּל זָאל זַיין רֵיין. אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען רֵיינְקֵייט אַ שְׁטַארְקֶער יְסוֹד, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט רֵיינִיגְן דֶעם סְקוּל יֶעדְן טָאג, עֶס זָאל אִינְטֶערֶעסִירְן יֶעדֶע תַּלְמִידָה אַז דָאס פְּלַאץ זָאל זַיין רֵיין.

אִיר קֶענְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אָדְל - דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, אַמָאל אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט נָאךְ אַפָּאר פְרוֹיעֶן, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל אִיז גֶעבְּלִיבְן זוֹיבֶּער אוּן אֲפִילוּ אִיר שִׁיךְ אִיז גֶעבְּלִיבְן רֵיין; דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זִי הָאט
~~~~~~~~~~~

זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא רוּאִיגְקַייט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בְּלָאטֶע אוּן דָאךְ בְּלַייבְּן זוֹיבֶּער. הָאט אָדְל זַיי גֶעזָאגְט: "מַיין גְרוֹיסֶער טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער".

אַז אִיר וֶועט הַאלְטְן דֶעם פְּלַאץ רֵיין וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:) אַז נְקִיּוֹת בְּרֶענְגְט צוּ פְּרִישׁוּת אוּן צוּ חֲסִידוּת בִּיז תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וְחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~